## פון קורט היינעקע׳ס לידער

## פאָלק

מיין פאָלק,

בלי, אייביק פאָלק.

שטראָם, אויסגעשפרייט פון מיטן נאַכט צו מיטן נאַכט,

שטראָם, גרויס און טיף פון ים צו ים,

פון דיינע טיפענישען רייסן זיך קוואַלן,

אור-אייביק שפייזענדיק דיך,

דאָס פאָלק.

מיין פאָלק,

בלי, אייביק פאָלק.

דו טרוימסט דיר צוקונפט אין דער ברוסט,

אָמאָל וועט קיין טאָג מער דיין טרוים נישט צעשלאָגן,

די בערג פון דיין נשמה וועלען דערלאַנגען צום הימל

און אונדז דערהויבן,

אונדז,

דאָס פאָלק.

איך בין אַ בוים אין דעם וואַלד פאָלק,

און מיינע בלעטער שפייזט די זון.

דאָך מיינע וואָרצלען שלאָפן זייער שלאָף פון קראַפט

אין דיר,

מיין פאָלק.

מיין פאָלק,

אַמאָל וועלן אַלע זאַכן קניען

פאַר דיר.

ווייל דיין נשמה וועט אַוועקפליען

הויך איבער שטעט אין דיין אייגן האַרץ אַריין.

און דו וועסט בליען

מיין פּאָלק.

----------------------------------------------------------

**קורט הײַנעקע** (ייִדיש: ישׂראל שטערן)

הײַנט (וואַרשע)27 , נומ׳ 123, יוני 1, **1934**, ז׳ 6